# LESSON 3

## דריטע לעקציע

# אין ניו־יאָרק אויף דער גאַס

ניו־יאָרק איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע שטאָט. אַ סך מענטשן אין ניו־יאָרק זײַנען אימיגראַנטן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער. אַ סך אַנדערע זײַנען קינדער פֿון אימיגראַנטן. אויף דער זעלביקער גאַס וווינען ייִדן, איטאַליענער, שפּאַניער, גריכן, נעגערס, כינעזער, אירלענדער.

הײַנט איז אַ יום־טובֿ. עס איז אַ שיינער און וואַרעמער טאָג. יוסף און משה גייען שפּאַצירן. זיי זעען אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן. זיי גייען צוזאַמען און רעדן.

אין גרויסן פּאַרק שפּילן זיך קינדער. זיי וווינען אין די הײַזער לעבן פּאַרק. דאָ אין דעם גרויסן הויז וווינען אַ סך ייִדן.

ייִדן לייענען ייִדישע צײַטונגען. לעבן הויז פֿאַרקויפֿט מען צײַטונגען אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן. אין ניו־יאָרק גייען אַרויס צוויי צײַטונגען אויף ייִדיש. זיי גייען אַרויס אַלע טאָג. אַן ענגלישע צײַטונג שרײַבט ניט קיין סך וועגן ייִדן, אָבער אין אַ ייִדישער צײַטונג שרײַבט מען וועגן ייִדן אין אַלע לענדער.

דאָרטן איז אַ ייִדישע שול. ייִדישע קינדער קומען נאָך מיטאָג אין שול און לערנען זיך. זיי רעדן, לייענען און שרײַבן ייִדיש.

משהס קליינער ברודער גייט אין שול. ער איז אַ תּלמיד אין ערשטן קלאַס. ער קען אַלע אותיות.

## VOCABULARY

- דער איטאַליענער (—) Italian
- דער אימיגראַ׳נט (ן) immigrant
- אינטערנאַציאָנאַ׳ל international; cosmopolitan
- • אינטערעסאַ׳נט interesting
- דער אי׳רלענדער (—) Irishman
- אַרויס ← גייען אַרויס
- • דער ברודער (ברידער) brother
- • די גאַס (ן) street
- • גייט goes, walks
- גייען אַרוי׳ס are published
- דער גריך (ן) Greek
- • דאָרטן there
- • דרײַ three
- • דאָס הויז (הײַזער) house
- • וואַרעם warm

- * וועגן about
- * די זאַך (ן) thing
- * זעט sees
- * זעלביק same
- * דער טאָג (טעג) day
- * אַלע טאָג every day
- * דער יום־טובֿ [YONTEV] holiday
- דער כינעזער (—) Chinese
- * לעבן near
- * מען one, they
- * דער מענטש (ן) man, person
- * משה [MOYShE] *man's name* (*Yiddish equivalent of* Moses)
- משהס Moyshe's
- * נאָך מיטאָג in the afternoon
- דער נעגער (ס) Negro
- עס it
- * ערשט first
- * דער פּאַרק (ן) park
- * פֿאַרקוי׳פֿט sells
- * פֿאַרשיי׳דענע different (*plural*)
- * צוזאַמען together
- * די צײַטונג (ען) newspaper
- * קומט comes
- * דאָס קינד (ער) child
- * די שול (ן) school
- * אין שול to school
- * די שטאָט (שטעט) city
- * שיין beautiful, goodlooking
- דער שפּאַניער (—) Spaniard
- * שפּאַצירן: גייט שפּאַצירן goes for a walk
- * שפּילט זיך plays

NOTE: The articles דער ,די ,דאָס (and דעם), which ordinarily mean *the*, can also be used as demonstrative pronouns meaning *this, these;* if so used, they are stressed.

## QUESTIONS

1. ווער זײַנען די מענטשן אין ניו־יאָרק? 2. פֿון וואָסערע לענדער זײַנען די אימיגראַנטן? 3. צי זײַנען אַלע מענטשן אין ניו־יאָרק אימיגראַנטן? 4. וואָסער טאָג איז הײַנט? 5. ווער גייט שפּאַצירן? 6. וואָס זעען זיי? 7. ווער לייענט ייִדישע צײַטונגען? 8. וויפֿל ייִדישע צײַטונגען גייען אַרויס אין ניו־יאָרק? 9. וועגן וואָס שרײַבן די ייִדישע צײַטונגען? 10. צי שרײַבן ייִדישע צײַטונגען נאָר וועגן ייִדן? 11. צי שרײַבן ענגלישע צײַטונגען וועגן ייִדן? 12. ווו שפּילן זיך די קינדער? 13. ווען לערנען זיי זיך אין דער ייִדישער שול? 14. אין וואָסער קלאַס גייט משהס קליינער ברודער? 15. וואָסערע אותיות קען ער?

## GRAMMAR

### 1. Plural of Nouns

אַ ייִד — אַ סך ייִדן
אַ נעגער — אַ סך נעגערס
אַ פֿאָלק — אַ סך פֿעלקער

There are several types of plural formation in Yiddish. The type of plural which a given noun takes cannot always be inferred from the singular form of the noun or from its gender. Therefore the plural ending is indicated in parentheses after each noun that is listed in the vocabulary and has to be memorized with the noun.

For the sake of orientation, the endings of the plural that occur in Yiddish nouns are listed:

Ending ן— or ען—:

ייִד — ייִדן
טאָוול — טאָוולען
העפֿט — העפֿטן
גאַס — גאַסן
צײַטונג — צײַטונגען
שפּראַך — שפּראַכן

Ending ס— or עס—:

נעגער — נעגערס
פֿעדער — פֿעדערס
לערער — לערערס

Ending ער—:

קינד — קינדער

Ending ער—, and a change in the vowel:

הויז — הײַזער
לאַנד — לענדער
פֿאָלק — פֿעלקער

No ending:

כינעזער — כינעזער
איטאַליענער — איטאַליענער

No ending, but a change in the vowel:

טאָג — טעג
שטאָט — שטעט
ברודער — ברידער

Ending עך— or ך—:

ייִנגל — ייִנגלעך

Ending ים—, sometimes with a shift of stress or a change of vowel:

תּלמיד — תּלמידים [TA'LMED—TALMI'DIM]
יום־טובֿ — יום־טובֿים [YO'NTEV—YONTO'YVIM]

Ending —ות [ES]:

עצה — עצות [EYTSE—EYTSES]

If the noun ends in —ה, that letter is dropped before the plural ending.

Note the addition of י in:

אות — אותיות [OS—OYSYES]

**2. Dative**

אויף די גאָסן
אויף דער גאָס
אין **דעם** הויז
אין **דעם** גרויסן פּאַרק
מיט **דעם** קלײנעם קינד

In Yiddish every preposition requires the dative.

The noun in the dative has the same form as in the nominative and in the accusative; it is the article and the adjective that are inflected.

The definite article and the adjective endings are **דעם —ן** in the masculine, **דער —ער** in the feminine, **דעם —ן** in the neuter, and **די —ע** in the plural. In the neuter indefinite, the adjective has no ending.

ARTICLE AND ADJECTIVE ENDINGS

| | MASCULINE | FEMININE | NEUTER DEFINITE | NEUTER INDEFINITE | PLURAL |
|---|---|---|---|---|---|
| NOMINATIVE | דער / אַ —ער | די / אַ —ע | דאָס —ע | אַ (קײן) —— | (די) —ע |
| ACCUSATIVE | דעם / אַ —ן (—ען, —עם) | | | | |
| DATIVE | | דער / אַ —ער | דעם —ן (—ען, —עם) | | |

**3. Contractions with דעם**

אויף דעם = אויפֿן
אין דעם = אינעם
מיט דעם = מיטן
פֿון דעם = פֿונעם

דעם, immediately following a preposition, is usually fused with the preposition into one word.

**4. Use of מען[1]**

מען גייט שפּאַצירן אין פּאַרק People go for a walk in the park
מען לייענט די ייִדישע צײַטונג The Yiddish newspaper is read

מען is an impersonal pronoun which means *one, people, they.* Often it is best rendered in English by the passive. מען takes the third person singular of the verb.

## EXERCISES

A. Put the following phrases in the accusative and then in the dative case.

1. דער שיינער פּאַרק. 2. די אינטערעסאַנטע שטאָט. 3. דער זעלביקער מענטש. 4. דער וואַרעמער טאָג. 5. די ערשטע גאָס. 6. פֿאַרשיידענע צײַטונגען. 7. אַ נײַ לאַנד. 8. דאָס נײַע לאַנד. 9. דאָס גוטע קינד. 10. די גוטע ברידער. 11. דער גרויסער יום־טובֿ. 12. אַ קליין לאַנד. 13. דאָס קליינע פֿאָלק. 14. די גוטע מענטשן. 15. די ערשטע זאַך.

B. Rewrite the following sentences in the plural:

1. דאָרטן וווינט אַן איטאַליענער און אַן אירלענדער. 2. אין דעם הויז וווינט ניט קיין ייִד. 3. איצט איז אַ וואַרעמער טאָג. 4. דער תּלמיד רעדט מיטן לערער. 5. ער וווינט אינעם נײַעם הויז. 6. דער לערער האָט זייער אַ קליינע העפֿט. 7. אין דעם קליינעם לאַנד וווינט אַ גרויס פֿאָלק. 8. אין ניו־יאָרק איז דאָ אַ ייִדישע שול. 9. ייִדן האָבן אַ שיינעם יום־טובֿ. 10. דער ברודער קומט הײַנט.

C. Replace the dashes by the proper article and adjective endings; wherever possible, use contractions of prepositions with דעם:

1. משה גייט שפּאַצירן אויף ד— גרויס— גאָס. 2. ווער וווינט אין ד— נײַ— הויז? 3. יוסף שרײַבט מיט אַ נײַ— פֿעדער. 4. ד— תּלמיד רעדט מיט ד— ייִד פֿון אייראָפּע. 5. ער האָט אַ שיינ— קינד. 6. ער קומט פֿון ד— גרויס— שטאָט. 7. ד— ברודער וווינט אין אַ וואַרעמ— לאַנד. 8. די קינדער שפּילן זיך אַלע טאָג לעבן ד— קליינ— פּאַרק. 9. צי פֿאַרקויפֿט מען דאָרט ד— ייִדיש— צײַטונגען? 10. אַ סך קינדער אין אייראָפּע האָבן ניט קיין וואַרעמ— זאַכן. 11. הײַנט איז ד— ערשט— טאָג פֿון ד— גרויס— יום־טובֿ. 12. זיי רעדן אויף אַ שיינ— שפּראַך. 13. ד— לערער וווינט לעבן ד— ייִדיש— שול. 14. ד— קינדער וווינען אויף ד— זעלביק— גאָס. 15. ד— גוט— תּלמיד האָט אַ נײַ— העפֿט און ער לייענט פֿון ד— נײַ— העפֿט.

---

1 When preceding a verb, מ'ע can also be used.

D. Translate the following sentences into Yiddish, using מען as the subject:

1. One does not speak about these things. 2. Nobody knows where Yoysef is now. 3. They come and go together every day. 4. One does not live in a school; one only studies there. 5. People write on a blackboard with chalk. 6. Papers are sold there. 7. One asks the teacher what one does not know. 8. In Yiddish one says "Yoysef" and one writes יוסף. 9. Is this house lived in? 10. Are people seen there? 11. It is not known.

E. Translate the following sentences into Yiddish:

1. The children are playing near the house. 2. They see the large park on the same street. 3. Yoysef goes for a walk in [the] park and plays there. 4. In the park there are many people. 5. Today is a holiday and a beautiful day. 6. In this park people go for walks, read the papers, or play with the children. 7. This man is seen every day. 8. But he does not play with the children. 9. He does not read papers. 10. He does not speak to (=with) people. 11. The man is asked where the park is, but he does not answer. 12. In the afternoon the Jewish children go to school. 13. Yoysef sees many different things. 14. Jews live in many cities in the United States, but not in all cities. 15. Moyshe sees this child near the same house every day. 16. He lives on the first or second street. 17. Yoysef has two brothers. 18. He has a big and a little brother. 19. The brothers are not students. 20. Only Yoysef is a student now.

## DERIVATION OF YIDDISH

No language is of pure stock; but while in Greek or Latin the mixed stock is not too obvious, in languages like Yiddish or English the complex derivation is quite apparent. This is why linguists speak of Yiddish as a fusion language.

In its initial period (up to the 12th century), Yiddish was the speech used by the Jews who had come from Romance-speaking areas and had settled in the regions of the middle and upper Rhine. It adapted large portions of local varieties of German. A great number of Hebrew and Aramaic words, which had been used by the

Jews even before they settled in the Rhineland, became part and parcel of the language which was evolving. From the very beginning, too, Yiddish incorporated many words from the Romance languages (Old French, Old Italian), which the Jewish settlers had spoken before. Some Romance words have survived in Yiddish to this day. לייענען *to read,* which was formerly 'leyen,' is derived from a Romance word which goes back to Latin 'legere.'

The Germanic stock of words itself was affected by a peculiar mingling of elements from different German dialects. Thus, Old Yiddish and medieval German early parted ways as two separate languages. Somewhat later, Slavic elements from Czech, Polish, Ukrainian, and Russian were also introduced into the language. To quote two examples, כאָטש *although* and נעבעך, a word denoting pity, are derived from Slavic 'choć' and 'neboha,' respectively.

Large numbers of new words were created from older Yiddish roots. זו'כצעטל *index,* for instance, was constructed from זוכן *to seek* and צעטל *list.* רו'קווירע *slide rule* is composed of רוקן *to slide* and ווירע *ruler.* שטא'רביקייט *mortality* is a word fashioned from שטאַרבן *to die.* פֿלאַ'טערל *butterfly* is a modern Yiddish creation derived from פֿלאַ'טערן *to flutter.* Compounds like מויל־חלל [MOYL-KHOLEL] *oral cavity* or אויפֿפֿיר־פֿורעם *behavior pattern* are made up in Yiddish of older words, just as their English equivalents. In the 19th and 20th centuries, Yiddish was also enriched by many international words of Greek and Latin origin, e.g. פּסיכאָלאָגיע *psychology,* טעלעפֿאָ'ן *telephone,* and so on. New words were also introduced from various modern languages.

Ordinary sentences in Yiddish, just as in English, usually contain words of quite different derivation. The following sentence is a case in point:

„רבותי, מיר וועלן בענטשן", זאָגט דער זיידע

*"Gentlemen, we shall say the blessing," Grandfather says*

רבותי [RABOYSAY] *gentlemen* is a form of address derived from Hebrew. Originally it meant *my masters.*

מיר *we* is of Germanic origin, but it is not found in modern standard German.

וועלן *shall* is, similarly, of Germanic origin, but is not found in modern standard German.

בענטשן *say the blessing* goes back ultimately to Latin 'benedicere.'

זאָגט *says* is derived from medieval German 'saget.'

דער *the* is from medieval German 'der.'

זיידע *grandfather* is derived from an old Slavic form 'dĕd.'

The components of modern Yiddish are, of course, of interest mainly in a historical study of language and culture. In ordinary usage, derivation rarely determines the choice of a word.